בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין...













## ✪ ברוכים הבאים לכ"ק אדמו"ר שליט"א

די וואך מאנטאג האבן מיר געהאט די גרויסע זכי' מקבל פנים צו זיין כ"ק מרן רבינו שליט"א. געווען איז דאס ווען אונזערע שכנים די קינדער פון כתה ד' האבן די וואך אנגעהויבן צו לערנען די הייליגע גמרא האבן זיי געמאכט א הערליכע מסיבה התחלת הגמרא, און דער חשובער מנהל הר"ר יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א האט איינגעלאדענט דעם רבי'ן שליט"א זאל קומען מיטהאלטן די געהויבענע מסיבה. און די זעלבע צייט האבן די מלמדים זיך בליץ שנעל ארגענאזירט און אויסגענוצט די גילעגנהייט און מיר אלע (די גרעסערע קינדער) זענען ארויס געגאנגען אויפן גאס און זיך אוועק געזעצט ביי די צוויי זייטן אז דער רבי שליט"א זאל קענען אדורך גיין און זעהן אלע קינדערלעך. מיט גרויס דרך ארץ זענען מיר געדולדיג געזעצן אויף דער ערד ביז דער רבי שליט"א איז ארויס געקומען פון בנין און אונז אלע אדורך געגאנגען מיט א גרויסע שמייכל קענטיג פון גרויס הנאה. המלמד החשוב רבי עמרם אקער הי"ו האט געזונגן מיט אונז אויף די מייק שיינע לידעלעך ווי טוב לי- א איד צו זיין איז טייער, ביז דער רבי איז אנגעקומען צו זיין קאר. פאר דער רבי שליט"א האט זיך אריין געזעצט אין די קאר האט ער אונז שיין באגריסט און מיר האבן אים הויעך צוריק געגריסט, דאן איז ער אוועק געפארן. די הערליכע מעמד וועלן מיר לאנג געדענקן.

## ✪ האסט שוין אמאל געזעהן א קעמל?

יא! די וואך זענען אלע קינדערלעך (די גרעסערע) ארויס געפארן מיט באסעס אויף א טריפ ווי מיר האבן געזעהן עכטע קעמעלעך אזוי ווי די קעמעלעך וואס אברהם אבינו האט געהאט. און נאך אנדערע חיה'לעך. נאר איין זאך, די קעמעלעך וואס מיר האבן געזעהן האבן נישט געהאט קיין שלאס אויף זייער מויל. אפשר געהערן זיי צו מיסטער לוט...
פאר די קלענערע קינדער האט אשר מאן נ"י געברענגט א קליינע זיסע קעמעלע און אויך מרדכי'לע רובינשטיין'ס טאטע אונז געברענגט א קליינע קעמעלע וואס איז געווען זייער אינטרעסאנט צו זעהן, אויך האט אונז ר' וואלף שניטצער הי"ו געוויזן וויאזוי מ'גיסט אריין וואסער פון א קריגעלע און די קעמעל טרינקט די וואסער.

(זעהט אנדערע זייט)

## ✪וואס איז דאס א ברונען?

אויפן וועג צוריק פון די קעמעלעך טריפ האבן די באסעס געמאכט א סטאפ ביי א עכטע ברונען ווי עס איז געווען זייער אינטערסאנט פאר אונז צו זעהן א עכטע ברונען, און דער באשעפער האט אונז מזכה געווען מיט א גרויסע מצוה (פאר די וואס זענען געפארן דינסטאג) ווען מיר האבן באגעגנט א עלטערע איד הרה"ח יצחק לעווי הי"ו לרפו"ש וואס איז געזעצן אויפן גאס אונטער א בוים צו שעפן פרישע לופט, מיר האבן אים שיין באגריסט און ער האט זיך זייער געפרייט צו אונז און אונז הערליך אנגעוואונטשן מיר זאלן זיין פיינע וואוילע ערליכע קינדער. נו, האבן מיר שוין אריין געכאפט א מצוה אויך.

## ✪די דריי ניסים אין רבקה'ס געצעלט?

א געצעלט ווייסן מיר שוין וואס דאס איז. די וואך זענען מיר פריש געגאנגען מיט מיין רבי שפאצירן אראפ אונטן אין די בעיסמענט, אוואו מיר האבן געזעהן א נייע שיינע געצעלט. ווען מיר האבן זיך אריין געזעצט דערינען, האבן מיר באמערקט אויפן טיש. א גרויסע ריזיגע לאנגע חלה, צוויי גרויסע לעכט. און אויפן דאך איז געווען א גרויסע וואלקן. ווייל מיר לערנען די וואך אז אין די טייג פון שרה איז אריין געקומען א ברכה און ס'איז געווארן זייער גרויס. די לעכט האבן געברענט א גאנצע וואך, און אויף די דאך פון געצעלט איז געווען א וואלקן.

## ✪מעסעדש פון די וואך *(עס פעלט נישט אויס צו שיקן קיין ריסעס)*

מיר טוען מודיע זיין די חשובע עלטערן אז די תלמוד תורה שטעלט צו נאראהאפטיגע מאלצייטן פאר די טייערע קינדערלעך דורכאויס דעם גאנצן טאג ווי פאלגענד

**10:00 פרישטאג**

**11:30 א פרוכט**

**12:15 מיטאג**

**2:00 סנעק** (קיכעלעך אדער פרעצל)

ממילא איז דאס שיקן ריסעס מיט די קינדער א איבעריגע זאך און עס פעלט נישט אויס, עס איז נישט פאר זייער טובה. און אויב דארף מען אמאל עפעס מיט שיקן, זאל דאס זיין ממש א קלייניגקייט וואס זיי קענען שנעל אויפעסן.

## זיסע חכמה'לעך

✪

**יצחק אייזיק ט"ב** זינגט זיך אונטער די ניגון פון חי' ד' און ער רופט זיך אן "מיין טאטע זינגט עס שבת". רופט זיך אן דער מלמד "מיין טאטע זינגט דאס אויך שבת. משה שרייבער צוזאמען מיט יצחק אייזיק'ל צולאכן זיך אויף איינמאל און זאגן "עה, א רבי האט נישט קיין טאטע"....

**ישראלי ברוין** איז נעכטן אראפ געקומען פון באס מיט די צידה לדרך פעקל, האט ער דערציילט אז ער האט באקומען א פעקל וואס מ'האט אפגעשוירן אברהם אבינו"...

ווארטענדיג אויף אונזערע געסט שבת צופרי האט מען גוזאגט פאר **הערשי רובינשטיין** אז די געסט קומען שוין. פרעגט ער, "אברהם אבינו'ס געסט?"...

אויך דארף **הערשי** נאר אינגעלע מילך (בלויע מילך)...

שבת ווען מ'האט פארהערט **משה הערש'לע שווארטץ** די סדרה האט מען אים געפרעגט וואס האט אברהם אבינו געהאט? ענפערט ער "א באבא, ער קען נישט גיין אין חדר"....

אויך ווען מ'האט אים געוויזן אויפן בוים נעבן אברהם אבינו'ס געצעלט אז דאס איז א טייטלבוים, האט ער געוויזן אויפן טיש נעבן דעם בוים "דעס איז א טייטלטיש"...

**שמעון שווארטץ** האט געזאגט פאר זיין קליינע ברודער. "דו ווייסט וויאזוי מען מאכט אייערשפייז? מען נעמט אייער, אויל, זאלץ מיט רויער, און מ'מאכט א פיינע אייערשפייז"....

ווען **שלו' גאטליב'ס** טאטע האט געזונגן: ברכות מאכן דארף א איד, און געפרעגט שלום וועלכע ברכה מאכט מען אויף קידוש? האט ער געענטפערט "יום הששי"....

אויף די לעצטע שאלה פאריגע וואך וויאזי הייסט די נייע אינגעלע בעבי? ענטפערט **נסים יוסף** "מיין קליינע ברודער הייסט שלום"...

**מרדכי'לע קרויס** פרעגט א גוטע קשיא. אברהם אבינו האט געגעבן פלייש און מילך. וויל ער וויסן אויב ווען מ'קאכט פלייש אין א מילכיגע טאפ, צו עס ווערט מילכיג?"...